„קדימה" טעאַטער־קרייז א. נ. דוד הערמאַן
יידישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"
י. ל. פּרץ שול שלום עליכם שול
יעקב וואַיסליץ יובל־קאָמיטעט

★

1913 - 40 יאָר יידיש טעאַטער - 1953

# פּראָגראַם
פון
# יובל־חודש

---

KADIMAH, DAVID HERMAN THEATRE GROUP
JEWISH NATIONAL LIBRARY "KADIMAH"
J. L. PERETZ SCHOOL — SHOLEM ALEICHEM SCHOOL
*JACOB WAISLITZ'S JUBILEE COMMITTEE*

★

**1913 — 1953**
**40 Years Yiddish Theatre**

★

# *Souvenir Programme*
*of the*
# *Jubilee-Month*

## אַרײַנפיר וואָרט:

שוין פיר צענדליק יאָר שטייט יעקב ווייסליץ ביי יידיש טעאַטער און טראָגט דאָס יידישע וואָרט איבער גאָרער יידישער וועלט.

אָנגעהויבן אין יאָר 1913 אין דער מעטראָפּאָליע פון יידיש לאַנד — פוילן — וואַרשע. פון די ערשטע מיטגרינדער פונם דראַמאַטישן קרייז ביים וואַרשעווער „הזמיר", וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון י. ל. פּרץ, דר. מוקדוני, דוד הערמאַן, ח. ד. נאָמבערג א. א.

פון אָט דעם דאָזיקן דראַמ.־קרייז פון אָט דער שרייבערישער סביבה טראָגט יעקב ווייסליץ ארויס די ליבשאַפט, דעם אידעאַליזם און צו־בונד צו אַלדאָס יידישע שאַפן, וואָס איז כולל אין זיך דעם געראַנגל פאַרן בעסערן, נייצייטיקן יידישן טעאַטער, דעם אויפבלי און אויפשטייג פון דער יידישער קולטור.

פיר צענדליק יאָר געגאַנגען איבער אַלע שטעגן און וועגן פון יידיש לעבן. לאַנד־איין לאַנד־אויס, שטאָט־איין שטאָט־אויס אומעטום ווו נאָר א יידישער ישוב, געגעבן זיינע טעאַטער אויפפירונגען געגעבן זיינע וואָרט־קאָנצערטן. באַקענט דעם ברייטן עולם מיט די בעסטע, נאַציאָנאַלע טעאַטער־ווערק, אויסגעטייטשט מיט זיינע רעציטאַציעס ד' יידישע ליטעראַ־טור, אָנהייבנדיק מיט אונזערע קלאַסיקער ביז צו די היינטצייטיקע יידישע שרייבער.

1919 ־ 1935. זעכצן פרוכטיקע יאָרן אין דער אומפאַרגעסלעכער „ווילנער טרופּע". די גאָלדענע תקופה אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.

פון ד' פערציק יאָר פאַלט אויס אויף מעלבורן־סידנע' פולע 12 יאָר ווו יעקב ווייסליץ שפּרייט אויס זיין קולטור טעטיקייט.

צענדליקער טעאַטער אויפפירונגען, וואָרט־קאָנצערטן, קליינע און גרעסערע אויפטריטן, רעפעראַטן און לעקציעס. אשפּאָרעוודיקער סך הכל, א רייך קאַפּיטל, א קולטור־אַרבעט פון א גאָר גרויסן פאַרנעם, וואָס האָט דערהויבן און באַשטראַלט דאָס גייסטיקע לעבן פון היגן ישוב.

איז עס דער באַשערטער גורל — ד' זכיה פאַרן מעלבורנער עולם צו פייערן דעם פערציק יאָריקן יובל פון יעקב ווייסליץ. א חודש צייט, פיר שבתים נאָכאַנאַנד וועט געפייערט ווערן דער יובל.

די פייערונג עפנט זיך מיט א וואָרט־קאָנצערט, ווו יעקב ווייסליץ וועט זיך לאָזן הערן אין רייכן פּראָגראַם פון ליד, געדיכט, נאָוועלע, סאַטירע, הומאָר און דראַמאַטישן פראַגמענט פון די בעסטע שאַפונגען פון דער יידי־שער ליטעראַטור.

ער קומט מיט ה. לייוויקס „דער פּאָעט אזי בלינד געוואָרן", ווו ער שאַפט די וווּנדערלעכע קרעאַציע פון לייוויקס הויפּט־העלד, דעם פּאָעט, מאַקסים דאָרנפעלד, און צוזאַמען מיט אים וועלן די שפּילער פון טעאַטער־קרייז האָבן די זכיה צוצוטראָגן פאַר אונזער עולם דאָס טיפע און דערהויבע־נע לייוויקישע ווערק.

צום אָפּשליסן דעם יובל חודש אויף דעם פייערלעכן באַנקעט, וועט יעקב ווייסליצן באַגריסן דאָס יידישע מעלבורן, און דער בעל היובל אַליין וועט אונז לאָזן הערן דאָס וואָרט, וועגן זיינע 40 יאָר יידיש טעאַטער.



יעקב ווייסליץ בעת זיין אָנקום קיין מעלבורן 1938

פייערלעכע דערעפענונג — שבת, 21טער נאָוועמבער 1953,
אין „קדימה"

# וואָרט-קאָנצערט

## 1טע טייל

דערעפענונג: . . . . פאָרזיצער פון „קדימה", סנדר בורשטין

א חתונה אין בראָנזוויל, פון קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי . .

פאַרשוווּנדענע געזאַנגען, פון י. יאַנאַסאָוויטש . .
מילאַ ווייסליץ, משה פאָטאַשינסקי

יעקב ווייסליץ:

מיין יידיש וואָרט — אסתר סומיאַטשער

דער בראַצלאַווער דערציילט — יעקב גלאַטשטיין

א פאָטער צו א זון — יעקב גלאַטשטיין

ליד צו ישראל — י. י. שוואַרץ

דער כוח פון א ניגון — דוד פינסקי

פראַגמענט פון: „סוחר פון ווענעדיק" — שיילאָק, וו. שעקספיר.

---

הפסקה

## 2טער טייל

א וואָרט צום בעל היובל — פאַרוואַלטער פון דער י. ל. פרץ שול,
יוסף גיליגיטש

ער און זי, פון א. לוצקי . . מילא ווייסליץ, משה פאָטאַשינסקי

יעקב ווייסליץ:

רב מענטשעלע — פרץ הירשביין

דער ייד, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם טעמפל —
אברהם רייזען

מאָנאָלאָג אין פליינעם יידיש — אהרן צייטלין

א מעשה פון הערשעלע אָסטראָפאָליער — פאָלקלאָר

וואַלם — א. לוציקי

האַמערס — משה נאַדיר.

ביים קלאַוויר: חיים וויינער

---

שבת, 28טער נאָוועמבער 1953, אין „קדימה"

אריינפיר וואָרט — יצחק קאַהאַן

פרעמיערע!

יעקב ווייסליץ'ס אויפפירונג, ה. לייוויקס

# „דער פאָעט איז בלינד געוואָרן"

דראַמע אין 3 אַקטן

עס שפילן:

| | |
|---|---|
| מאַקסים דאָרנפעלד, פאָעט, . . . . . . . . . | יעקב ווייסליץ |
| ראָוז, זיין פרוי . . . . . . . . . . . . | לאה צוקער |
| באָב, זייער זון . . . . . . . . . . . | מענדל שמערלינג |
| באָריס, דאָרנפעלדס ברודער, עלטערער בחור . . . | ישראל ראָטמאַן |
| לעוו, יונגער פאָעט . . . . . . . . . . | שיע טיגעל |
| העלער, רעדאַקטאָר, . . . . . . . . . | יוסף פאַקולא |
| הערמאַן, רעדאַקטאָר . . . . . . . . . | יצחק דעסויער |
| דוד רייך, פאָעט, גאַסט פון אייראָפּע . . . . . . | אברהם וויגושין |
| רודערמאַן, רעפּאָרטער . . . . . . . . . | מאיר צעפּראָוו |
| ערשטער רעפּאָרטער . . . . . . . . . | ישראל סקורניק |
| צווייטער רעפּאָרטער . . . . . . . . . | יצחק ווייס |
| דאָקטאָר . . . . . . . . . . . . . | יעקב בלושטיין |
| איזראַעל זיף, גביר, פילאַנטראָפּ . . . . . . . | יאַשאַ שער |
| לענדלאָרד . . . . . . . . . . . . . | יעקב בלושטיין |

דעקאָראַציעס: שיע טיגעל

סצענאַר: יעקב לעווין. כאַראַקטעריזאַציע און גרים: ז. בראָסטמאַן

שבת, 5טער דעצעמבער 1953, אין „קדימה"

**צום צווייטן מאָל**

יעקב ווייסליץ'ס אויפפירונג, ה. לייוויקס

# „דער פּאַעט איז בלינד געוואָרן"

דראַמע אין 3 אַקטן

אריינפיר וואָרט: בער .י ראָזען.



**יעקב ווייסליץ אין ישראל**

שבת, 12טער דעצעמבער, 1953, אין „קדימה"

**סיום פון יובל חודש**

# פייערלעכער באַנקעט

מיט דער פייערלעכקייט פירט אָן דער פאָרזיצער פון יובל קאָמיטעט,
מרדכי ראָטפּאַרב

באַגריסונגען:

פאָרזיצער פון דער „קדימה", סנדר בורשטין

פאָרזיצער פון טעאַטער־קרייז, ישראל ראָטמאַן

פאָרזיצער פון דער י. ל. פּרץ שול, מאיר סילמאַן

פאָרזיצער פון דער שלום עליכם שול, אהרן ניירענס

פאָרזיצער פון דער יידישער קולטור געזלשאַפט, הערש מונץ

פון הילף־פאָנד, יעקב לעדערמאַן

פאָרזיצער פון די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, יוסף שפּערלינג

וויצע־פאָרזיצער פון ביאַליסטאָקער צענטער, וועלוול דייווים

פון די פריינט: בונים וואַרשאַווסקי, יהודה האָניג, חיים גורט

פּראָגראַם: ליד און נגינה פון אַלע מוזיקאַלישע אויפפירונגען, אויסגעפירט דורכן טעאַטער־קרייז.

ביים קלאַוויר: מרים ראָכלין. אָנפירונג מיטן אָרקעסטער: חיים וויינער

סעודה.

דאָס וואָרט פון בעל־היובל.

## יעקב ווייסליקס טעטיקייט אין אויסטראַליע:

געווען 12 יאָר אין אויסטראַליע.

### מעלבורן — 9 יאָר.

געשפּילט: 79 פאָרשטעלונגען.

אויפגעפירט: 22 פּיעסעס.

47 וואָרט קאָנצערטן

25 ליטעראַרישע אָוונטן

39 פאָרטראַגן

14 יזכור אָוונטן

צאָל באַזוכער פאַר די 9 יאָר אין מעלבורן: 50.913.

### סידנעי — 3 יאָר.

געשפּילט: 14 פאָרשטעלונגען

אויפגעפירט: 10 פּיעסעס

15 וואָרט קאָנצערטן

14 ליטעראַרישע אָוונטן

10 פאָרטראַגן

צאָל באַזוכער פאַר די 3 יאָר — 9.776

צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אין יאָר 1938.

צום צווייטן מאָל אָנגעקומען אין יאָר 1940

צום דריטן מאָל אָנגעקומען אין יאָר 1951

### פּערט: —

2 וואָרט קאָנצערטן

1 פאָרשטעלונג

1 פאָרטראַג

Printed by YORK PRESS LTD., 198-202 Faraday Street, Carlton,